בעזרת השם יתברך

# פרק נה-נו

## מצורע

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אַז שרייבן העלפט צום געדענקען, דעריבער זאָל אַ מענטש פאַרשרייבן זיינע זינד, ער זאָל געדענקען זיי מתקן צו זיין - אויב ער געפינט אין אַ ספר עפעס וואָס קען מתקן זיין זיינע זינד, זאָל ער עס באַלד אויפשרייבן אויף אַ ספעציעלן פאַפיר, ער זאָל קענען גלייך פאַררעכטן וואָס מעגליך - דערפאַר האָט דער מענטש צוויי קרוינען אויף זיין קאָפ, איינע בשעת די נשמה גייט ארויף און די צווייטע ווען זי גייט אראָפ - די גרויסע שטראָף און פגם פון שווערן פאַלש, און ווי אַזוי זיך ראַטעווען פון דעם - דורך שווערן אויף פאַלש איז מען גורם אַז די וועלט זאָל פאַרפלייצט ווערן - ווען דער מענטש וואָלט געוואוסט די האַרבקייט פון שווערן פאַלש וואָלט ער זיך געשלאָגן קאָפ אין וואַנט - השם יתברך וועט נישט ריין וואַשן דעם וואָס זאָגט זיין נאָמען פאַר אומזיסט.

# אינהאלט

## פון פרקים נ״ה - נ״ו


א. אין פרק נ״ה ווערט ערקלערט: אַז שרייבן העלפט צום געדענקען, דעריבער זאָל אַ מענטש פאַרשרייבן זיינע זינד, ער זאָל געדענקען זיי מתקן צו זיין. ...... ה

ב. אויב ער געפינט אין אַ ספר עפעס וואָס קען מתקן זיין זיינע זינד, זאָל ער עס באַלד אויפשרייבן אויף אַ ספעציעלן פאַפיר, ער זאָל קענען גלייך פאַררעכטן וואָס מעגליך. ...... ה

ג. דערפאַר האָט דער מענטש צוויי קרוינען אויף זיין קאָפּ, איינע בשעת די נשמה גייט ארויף און די צווייטע ווען זי גייט אראָפּ. ...... ז

ד. השם יתברך זאָל היטן מיין גיין און קומען לחיים ולשלום ...... ז

ה. דער וואָס וועט זיך אַזוי טאָן וועט אים שטענדיג גוט זיין ...... ח

ו. אין פרק נ״ו ווערט ערקלערט: די גרויסע שטראָף און פגם פון שווערן פאַלש, און ווי אַזוי זיך ראַטעווען פון דעם ...... ט

ז. דורך שווערן אויף פאַלש איז מען גורם אַז די וועלט זאָל פאַרפלייצט ווערן ...... ט

ח. ווען דער מענטש וואָלט געוואוסט די האַרבקייט פון שווערן פאַלש וואָלט ער זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט ...... י

ט. השם יתברך וועט נישט ריין וואַשן דעם וואָס זאָגט זיין נאָמען פאַר אומזיסט ...... י

י. דעריבער זאָל דער מענטש זיך ניט צוגעוואוינען צו שווערן ...... יא

יא. וויסן זאָלסטו אַז אַ תקיעת כף איז פונקט ווי אַ שבועה ...... יא

יב. מיין נפש איז שטענדיק אין מיין האַנט און דיין תורה האָב איך נישט פאַרגעסן ...... יב

יג. למען השם די גרויסע זינד זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן ...... יב

# פרק נ״ה

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: אַז שרייבן העלפט צום געדענקען, דעריבער זאָל אַ מענטש פאַרשרייבן זיינע זינד, ער זאָל געדענקען זיי מתקן צו זיין.**

**א. ״וַיֹּאמֶר,** ה׳ אֶל מֹשֶׁה כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר וְשִׂים בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ״ (שמות יז, יד). השם יתברך האָט געהייסן משה רבינו: שרייב דאָס אויף אַ ספר ס׳זאָל בלייבן צו געדענקן, און טו דאָס אין די אויערן פון יהושע. השם יתברך האָט אָנגעזאָגט משה רבינו, דעם פירער פון כלל ישראל, צו שרייבן ווייל דאָס איז אַ תועלת פאַרן זכרון און אויב צו משה האָט השם יתברך אָנגעזאָגט איז דאָס זיכער אַזוי פאַר אַנדערע מענטשן, אַז מען דאַרף שטענדיק נאָכטראַכטן אין זיינע מעשים אפשר האָט מען עפּעס געזינדיגט, און דאַן זאָל מען עס אויפשרייבן מען זאָל עס געדענקען און פאַרעכטן די זינד.*

**אויב ער געפינט אין אַ ספר עפּעס וואָס קען מתקן זיין זיינע זינד, זאָל ער עס באַלד אויפשרייבן אויף אַ ספּעציעלן פּאַפּיר, ער זאָל קענען גלייך פאַררעכטן וואָס מעגליך.**

**אם,** אויב ער געפינט אין אַ ספר אַ זאַך וואָס קען העלפן מתקן זיין זיינע זינד, זאָל ער עס באַלד אויפשרייבן אויף אַ פּאַפּיר, ער זאָל קענען גלייך פאַררעכטן וואָס מעגליך. און אויב ער דערמאַנט זיך אַז

---

*) דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרען פאַר ענינים בין אדם לחבירו און נאָכמער ווייל בין אדם למקום איז פאַרהאַנען אויך אַלגעמיינע תשובה, מ׳איז מתודה בכלליות חטאתי עויתי פשעתי (עי׳ רמב״ם ה׳ תשובה) כאָטש עס איז נישט דאָס זעלבע ווי תשובה בפרטיות, אָבער בין אדם לחבירו מוז מען צוריק באַצאָלן פאַר יעדן זיין חוב און יעדן עקסטער איבערבעטן.

דעריבער אויב מ׳האָט איינעם שלעכטס געטוהן, אָדער מ׳האָט געבאָרגט געלט אַפילו אַ קליינינגקייט זאָל מען עס אויפשרייבען און ווי פריער באַצאָלען. דאָס בעסטע כאָטש איינמאָל אַ יאָר אלול-תשרי. טייל טוען אויך פאַר פסח - זמן ביער מעשרות.

ער האָט געזינדיגט קעגן זיין חבר מיט שלעכטע רייד און אים ווי געטאָן אָדער ער האָט אויסגעטראַכט אויף אים שלעכטס, אָדער אים באַליידיגט ברבים, זאָל ער וויינען און חרטה האָבן און זאָל נעמען אויף זיך אים צו באַרואיגן און איבערבעטן גלייך צומאָרגנס, און דאָס זאָל זיין די ערשטע זאַך וואָס ער טוהט מאָרגען.

**ב. ואין,** מכל שכן אויב ער האָט זיך דערמאָנט דאָס ער האָט געזינדיגט קעגן איינעם וואָס קען מער לערנען פון אים, זאָל ער זיך מצער זיין דערויף און בעטן ביי השם יתברך ער זאָל דאָס נישט פאַרצייכענען אין בוך פון זיינע זינד, און נעמען אויף זיך באַלד צו פאַררעכטן תיכף מאָרגן. און אויב אַן אַנדערע האָט געזינדיגט קעגן אים מיט רייד, זאָל ער אים באַלד מוחל זיין און זאָגן פאַרן שלאָף ״שָׁרֵי לֵיהּ מָארֵי לְמַאן דִּמְצַעֵר לִי״ - השי״ת זאָל מוחל זיין דעם וואָס האָט מיך מצער געווען. און זאָל לייענען קריאת-שמע פאַרן שלאָף מיט כוונה, אויך זאָל ער זיין געוואָרנט צו לייענען יעדן נאַכט מיט כוונה די עשרת הדברות, וואָס שטייען אין פרשת ואתחנן, ווייל די עשרת הדברות וואָס שטייען אין פרשת יתרו וואָס דאָרט שטייט ״זָכוֹר״ דאָס איז קעגן דער מדה פון טאָג, און אין פרשת ואתחנן שטייט ״שָׁמוֹר״, דאָס איז קעגן דער מדה פון נאַכט.*

---

*) דערפאַר ביינאַכט זאָל מען לייענען דאָס פון פרשת ואתחנן. דאָס ענין פון לייענען עשרת הדברות ווערט דערמאַנט אין או״ח סי׳ א׳ סעי׳ ה׳ ס׳איז גוט אַז יעדער זאָל זאָגען עשרת הדברות כדי מ׳זאָל אויף פרישען יעדן טאָג דאָס ענין פון קבלת התורה און ס׳ווערט נתחזק דורכדעם די אמונה אין הקב״ה. (מ״ב י״ג בשם ירושלמי ברכות).

## דערפאַר האָט דער מענטש צוויי קרוינען אויף זיין קאָפּ, איינע בשעת די נשמה גייט ארויף און די צווייטע ווען זי גייט אראָפּ.

**ג. ועל,** און דערפאַר האָט דער מענטש צוויי קרוינען אויף זיין קאָפּ,** איין קרוין בשעת זיין נשמה גייט אַרויף אויפן הימל ביי נאַכט און די אַנדערע קרוין איר צו באַגלייטן ווען זי גייט צוריק אַראָפּ, און דעריבער איז דאָ צוויי ערליי (״טעמים״) אויף די עשרת הדברות, אויבערשטע און הינטערשטע. אינדערפרי איידער ער גייט אַרויס פון דער היים זאָל ער פריער וואַשן די הענט און דערנאָך צוגיין צו דער מזוזה און אַרויפלייגן די הענט אויף דער מזוזה און טראַכטן אַז השם יתברך איז דער בעל הבית און אַלע איינוואוינער פונעם הויז זיינען געסט, און טראַכטן דעם נאָמען ש-ד-י ווי שוין געשריבן אין דעם ערשטן פרק.

## השם יתברך זאָל היטן מיין גיין און קומען לחיים ולשלום

**ד. ואחר,** און דערנאָך זאָל ער זאָגן דעם פסוק (פון תהלים קכא, ח) ״ה׳ יִשְׁמׇר צֵאתִי וּבוֹאִי לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם״ - השם יתברך זאָל היטן מיין אַרויס גיין און מיין קומען לחיים ולשלום פון איצט ביז אייביג. דריי מאָל. און דערנאָך זאָל ער זאָגן דעם פסוק (משלי ג, ו): ״בְּכׇל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ וְהוּא יְיַשֵּׁר אוֹרְחוֹתֶיךָ״ - אין אַלע דיינע וועגן זאָלסטו געדענקן השם יתברך און ער וועט אויסגלייכן דיינע וועגן. און דער פסוק איז איינגעשלאָסן די גאַנצע תורה און עס איז אין אים פאַראַן זעקס און צוואָנציג אותיות, ווי די צאָל פון שם הוי״ה. און דער פסוק הייבט זיך אָן מיט אַ בי״ת און ענדיקט זיך מיט אַ כ״ף, קעגן די צוויי און צוואָנציג אותיות פון דער תורה און יעדער מאָל וואָס ער וועט זאָגן דעם פסוק זאָל ער נייגן זיין קאָפּ קעגן זעקס זייטן לויט אָט דעם סדר: מזרח, דרום, מערב, צפון, אויבן און אונטן. און ער זאָל אין

** ) איינס קעגן זכור און איינס קעגן שמור.

זינען האָבן אַז ער איז זיך מוסר נפש פאַר השם יתברך, וואָס ער געוועלטיגט איבער די זעקס זייטן פון דער וועלט און מיט דעם גיט ער איבער זיין נפש און זיין גוף צו השם יתברך.

## דער וואָס וועט זיך אַזוי טאָן וועט אים שטענדיג גוט זיין

**ה. ומי,** און דער וואָס האָט צייט זאָל זאָגן די פסוקים, וועלכע ווייזן אָן יעדער איינער אויף אַ געוויסן אבר (תהלים ג, ד): "וְאַתָּה ה' מָגֵן בַּעֲדִי, כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי". (תהלים מ, י): "בִּשַּׂרְתִּי צֶדֶק בְּקָהָל רָב, הִנֵּה שְׂפָתַי לֹא אֶכְלָא, ה' אַתָּה יָדָעְתָּ". (תהלים סו, יז): "אֵלָיו פִּי קָרָאתִי וְרוֹמַם תַּחַת לְשׁוֹנִי". (תהלים יט, ט): "פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב מִצְוַת ה' בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם". (תהלים כח, ב): "שְׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנַי בְּשַׁוְּעִי אֵלֶיךָ בְּנָשְׂאִי יָדַי אֶל דְּבִיר קָדְשֶׁךָ". (תהלים מ, ט): "לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹהַי חָפָצְתִּי וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי". (תהלים ה, י): "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה ה' מִי כָמוֹךָ". (תהלים טז, ז): "אֲבָרֵךְ אֶת ה' אֲשֶׁר יְעָצָנִי אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי". (תהלים כו, יב): "רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר בְּמַקְהֵלִים אֲבָרֵךְ ה'". און דערנאָך זאָל ער זאָגן איין משנה וואָס נעמט אין זיך אַריין דעם גאַנצן מענטשן, און די משנה איז (ברכות ל, ב): "אֵין עוֹמְדִין לְהִתְפַּלֵּל אֶלָּא מִתּוֹךְ כּוֹבֶד רֹאשׁ. חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים הָיוּ שׁוֹהִין שָׁעָה אַחַת קוֹדֶם שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ כְּדֵי שֶׁיְּכַוְּנוּ אֶת לִבָּם לַמָּקוֹם וַאֲפִילוּ נָחָשׁ כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ לֹא יַפְסִיק". און דערנאָך זאָל ער זאָגן דעם פסוק (קהלת יב, יג): "סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", דער פסוק נעמט אין זיך אַריין אַלע תרי"ג מצוות, און דער וואָס וועט זיך אַזוי טאָן וועט אים שטענדיג גוט זיין.

❖ ❖ ❖

# פרק נ"ו

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די גרויסע שטראָף און פגם פון שווערן פאַלש, און ווי אַזוי זיך ראַטעווען פון דעם

**א. אמרינן,** מיר זאָגן אין דער גמרא (שבת דף ל"ג עמוד א'): אַ שלעכטע חיה קומט אויף דער וועלט צוליב דעם וואָס מען שווערט פאַלש. זאָלסטו וויסן אַז וואו עס שטייט אין דער גמרא "חיה רעה" מיינט מען די לילית הרשעה, די מוטער פון די שדים, וואָס זי דערוועקט אין הימל בעוונותינו הרבים פיל בייזע גזירות אויף אידן און זי איז שטענדיג אינעם הויז וואו מען שווערט פאַלש און זי וואוינט דאָרט און הרג'עט די קליינע קינדער רחמנא ליצלן, און אין דער שטוב אָדער אין דער שטאָט וואו מען שווערט פאַלש, הערשט אָרעמקייט.

## דורך שווערן פאַלש איז מען גורם אַז די וועלט זאָל פאַרפלייצט ווערן

**ב. והנה,** קום און זעה דעם גרויסן פגם פון שווערן פאַלש. עס שטייט אין זוהר פרשת יתרו (דף צ"א עמוד ב') אַז בשעת השם יתברך האָט גוזר געווען אויף די וואַסער פון דער וועלט זיי זאָלן אַראָפּנידערן אין תהום, האָט ער אויף זיי געמאַכט אַ דעק און אין דער דעק נאָך אַ דעק און אין דעם צווייטן דעק זענען אויסגעקריצט און פאַרשריבן הייליגע נעמען וואָס זיי היטן די וואַסער זיי זאָלן נישט אויפגיין און פאַרפלייצן די וועלט, און ווען אַ מענטש שווערט אויף פאַלש דאַן גייט די וואַסער אַרויף ביזן דעק און די הייליגע נעמען פליען אַוועק און טראָגן זיך אָפּ פונעם דעק, און דאַן האָבן די תהום וואַסער ערלויבעניש צו פאַרפלייצן די וועלט, אָבער השם יתברך וואונקט אָן דעם מלאך "יעזריאל", וועלכער איז ממונה אויף זיבעציג שליסלען און קריצט אויס נאָך אַמאָל די הייליגע נעמען אויפן דעק פון תהום, דאַן קערן זיך אום די תהום וואַסער צוריק צו זייער אָרט און די

וועלט ווערט געראַטעוועט פון פאַרפלייצונג. ווייל איז צו יענעם מענטשן וואָס פאַראורזאַכט אַז די הייליגע נעמען זאָלן אַוועק פון זייער אָרט און מטריח געווען כביכול השם יתברך אויסצוקריצן די הייליגע נעמען פון דאָס ניי.

## ווען דער מענטש וואָלט געוואוסט די האַרבקייט פון שווערן פאַלש וואָלט ער זיך געשלאָגן דער קאָפּ אין וואַנט

**ג. בן אדם,** טיפה סרוחה, ווי וואַגסטו מטריח צו זיין השם יתברך, און געוויס שעלטן אים די הייליגע נעמען און זאָגן שלעכט אויף אים. און ווען דער מענטש וואָלט געהערט זייער שעלטן און זייער שלעכטס זאָגן, וואָלט ער זיך געשלאָגן דער קאָפּ אין וואַנט צוליבן גרויסן פגם, און אויף דעם זאָגן אונזערע חכמים זכרונם לברכה (פסיקתא זוטא, בראשית א) אַז דער וואָס דערמאַנט דעם נאָמען פון השם יתברך אומזיסט, ווערן אויסגעריסן פון דער וועלט, און מכל שכן שווערן פאַלש חס ושלום.

## השם יתברך וועט נישט ריין וואַשן דעם וואָס זאָגט זיין נאָמען פאַר אומזיסט

און דאָס זאָלסטו האָבן אַ כלל אַז אַ פאַלשע שבועה גייט נישט אַוועק ביז זי מאַכט אַ צייכן אין זיין גוף אָדער זיין געלט, באַלד נאָך דער שבועה אָדער אין אַ צייט אַרום, און די פאַלשע שבועה וועט אים גרייכן אין הויז אָדער אין פעלד, אויפן באַרג אָדער אין וואַלד, אין דער טרוקעניש אָדער אויפן ים, אָבער עס וועט זיך זיכער נישט אומקערן ליידיג, ווי עס שטייט (שמות כ, ז): "כִּי לֹא יְנַקֶּה ה' אֵת אֲשֶׁר יִשָּׂא אֶת שְׁמוֹ לַשָּׁוְא" - השם יתברך וועט נישט ריין וואַשן דעם וואָס זאָגט זיין נאָמען פאַר אומזיסט. און ווען דער מענטש וועט וועלן שווערן זאָל ער זיך פאָרשטעלן ווי עס וואָלט געווען געשריבן "כִּי לֹא יְנַקֶּה ה' אֵת אֲשֶׁר יִשָּׂא אֶת שְׁמוֹ לַשָּׁוְא" מיט אַ שריפט פון שוואַרצע פייער אויף ווייס פייער, דאַן וועט אויף אים פאַלן אַ מורא און וועט שווערן אויף פאַלש.

## דער מענטש זאָל זיך נישט צוגעוואוינען צו שווערן

**ד. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש זיך נישט צוגעוואוינען צו שווערן זיין קערפער אָדער נשמה ווי אויך, ווי די ווילדע מענטשן און ליידיג-גייער וועלכע שווערן אומזיסט, אַז אויב די זאַך איז אַזוי, זאָל זיין שטוב פאַרברענט ווערן, אָדער ער זאָל גע'הרג'עט ווערן, און אין אָט די שבועות איז אין זיי פאַראַן אַ סכנה ס'זאָל מקויים ווערן, ווייל ווער ווייסט אין וועלכע שעה און אין וועלכן מזל ער זאָגט עס, עס קען נאָך מקויים ווערן דאָס שלעכטס חס ושלום.

**ה. והרב,** און דער אר"י ז"ל (שער המצוות, שמות, יא, ב,) האָט אָנגעזאָגט זיינע תלמידים נישט צו דערמאַנען אַ מלאַך ביים נאמען אַפילו לערנען, ווי צום ביישפיל "מטטרון" זאָל מען זאָגט "מט"ט", און "סנדלפון" זאָל מען זאָגן "סנדל" און אַזוי אויך די אַנדערע מלאכים. נאָר די מלאכים וועלכע האָבן נעמען ווי מענטשן, למשל "מיכאל", "גבריאל" און "רפאל", און ענליכע, מעג מען דערמאַנען. דער טעם דערפון איז אַז השם יתברך האָט אַלץ באַשאַפן פאַרן מענטשנס וועגן, און ווען השם יתברך האָט באַשאַפן די מלאכים האָט ער זיי באַשוואוירן אַז ווען אַ מענטש וועט זיי דערמאַנען און וועט זיי באַשווערן וועגן אַ נויטיגע זאַך זאָלן זיי אים פאָלגן, און אַז דער מענטש דערמאַנט דעם נאָמען פון מלאך און באַשווערט אים, קומט דער מלאך און מוז טאָן ווי דער מענטש האָט אים באַשוואוירן, און אַז דער מלאך זעט ער אים אומזיסט באַשוואוירן און האָט אומזיסט דערמאַנט זיין נאָמען און ער איז געקומען אומזיסט איז אָפט דער מלאך מזיק דעם מענטשן. פון דאַנען קען דער מענטש פאַרשטיין ווי גרויס די סכנה איז אַז מען שווערט ביי דעם נאָמען פון השם יתברך אומזיסט אָדער אויף פאַלש.

## וויסן זאָלסטו אַז אַ תקיעת כף איז פונקט ווי אַ שבועה

**ו. ודע,** און וויסן זאָלסטו אַז אַ תקיעת כף איז פונקט ווי אַ שבועה,

ווייל דער מקור פון נפש העגגט אין דער האַנט פון דעם מענטש סיי אויף גוטס און סיי אויף שלעכטס, אויף גוטס איז, אַז ער שפּרייט אויס זיינע הענט צו השם יתברך און דערוועקט רחמנות, און אַזוי אויך אַנדערע מצות זענען אָנגעהאָנגען אין די הענט. מיט דער האַנט מל׳ט מען, מיט דער האַנט איז מען מקיים אַלע זאַכן פון קרבנות, תרומות און מעשרות, סוכה און ד׳ מינים פון לולב, צדקה, תפילין און פיל מצות ווערן געטאָן מיט די הענט, דעריבער הענגט דאָס לעבן פון מענטש אין זיינע הענט.

## מיין נפש איז שטענדיג אין מיין האַנט און דיין תורה האָב איך נישט פאַרגעסן

**ז. ועל זה,** און אויף דעם האָט דוד המלך עליו-השלום געזאָגט (תהלים קיט, קט): ״נַפְשִׁי בְכַפִּי תָמִיד וְתוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי״ - מיין נפש איז שטענדיקגאין מיין האַנט און דיין תורה האָב איך נישט פאַרגעסן. עס מיינט, איך האָב אויסגעקליבן די גוטע זאַכן וואָס מ׳קען טאָן מיט די הענט און נישט חס-ושלום פאַרקערט. ווען דער מענטש וויל ווייזן אַז ער רעדט אמת גיט ער יענעם די האַנט און דאָס איז כאילו, ווי ער וואָלט יענעם געגעבן אַ משכון זיין נפש וואָס געפינט זיך אין זיין האַנט, און דאָס איז נאָך האַרבער פון שווערן זיך ביי זיין לעבן, און ווען איינער איז עובר תקיעת כף איז ער פוגם אין שם ״אדני״ און אין די צוועלף ווערטער ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד. בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד״ און אין דעם הייליגן נאָמען ״עב קל״.

## די גרויסע זינד זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן

**ח. על כן,** דעריבער דער וואָס היט זיין נפש זאָל זיך דערווייטערן פון שווערן אומזיסט און אויך פון סתם שבועות און פון תקיעת כף און זאָל שטענדיק געדענקען וועגן דעם פגם וואָס ווערט פאַראורזאַכט אין די הייליגע נעמען ווי פריער דערמאנט. למען השם די גרויסע זינד זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן, ווייל ווען ער

שטאַרבט גייט פאַר זיין מיטה די צורה פון דער האַנט און אויף יעדער פינגער שטייען טויזנטער מזיקים רחמנא ליצלן, און די האַנט אַליין זאָגט עדות אויף אים אַז ער האָט עובר געווען אויף תקיעת כף.

**ט. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש אָנזאָגן זיינע קינדער און די שטוב מענטשן, זיי זאָלן נישט זיין געוואוינט אין שבועות, נדרים און תקיעת כף, און דער וועלכער האָט מורא פאַר השם יתברך זאָל דאַוונען און בעטן אַז זיי זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן אין שווערן אומזיסט, און נאָך מער אין שווערן פאַלש און תקיעת כף אויף ליגנט, און דער וואָס איז נישט אָפּגעהיט אין דעם, גיט חס-ושלום אַן אָרט צו דער ״לילית הרשעה״ זי זאָל האָבן אַ וואוינונג און אַ חלק אין זיין הויז און פאַרלירט חס-ושלום זיינע קליינע קינדער, און עס קען שאַטן אים און זיין פאַמיליע, און דערנאָך רופט מען אויס אויף אים חרמות און שמתות אין אַלע הימלען, און שטענדיק דערמאַנט מען אים צו שלעכט. דעריבער דער וואָס היט זיך זאָל זיך דערווייטערן פון דער שטרויכלונג, און דאַן וועט ער זיכער זיין אַז השם יתברך וועט אים געבן ברכות און הצלחות, ישועות און נחמות אין אַ פולער מאָס. אמן.

❖ ❖ ❖